# ברוכים הבאים צו די שוועדישע קאנקורענץ אויטאריטעט – די אויטאריטעט וועלכע איז פאראנטווארטליך פאר קאנקורענץ און איינהאנדלן!

## וואס איז קאנקורענץ?

קאנקורענץ קומט פאר ווען עטליכע פירמעס פארקויפן די זעלבע סארט ארטיקל, און דעריבער קאנקורירן זיי איבער די קונדן. זיי קאנקערירן פאר קונדן דורכ'ן אראפלאזן די פרייזן און פראדעצירן בעסערע ארטיקלען.

קאנקורענץ איז דעריבער גוט פאר קונדן.

ווען קאנקורענץ ארבעט געהעריג, זענען פירמעס געצווינגן זיך כסדר צו פארבעסערן כדי צו פארקויפן זייערע ארטיקלען. פונדעסטוועגן, מוז אויך זיין רעגולאציעס צו קאנטראלירן ווי אזוי די קאנקורענץ ארבעט.

די רעגולאציעס זענען א טייל פון א געזעץ וועלכע איז באקאנט אלץ *קאנקורענסלאגען* [קאנקורענץ אקט].

## פארוואס זענען קארטעלן פארבאטן?

די קאנקורענץ אקט לויטעט אז עס איז פארבאטן צו פארעמען קארטעלן. א קארטעל איז ווען עטליכע פירמעס וועלכע פארקויפן די זעלבע ארטיקל ארבעטן צוזאמען לגבאי די פרייז פון די ארטיקלעך. זיי מאכן א געהיימספולע באשלוס אז זיי וועלן אלע בעטן דעם זעלבן פרייז פאר זייער ארטיקל. אזעלכע אפמאכן שטעלט אפ קאנקורענץ פון ארבעטן געהעריג און איז דערפאר פארבאטן.

די אייראפישע פאראיין – די EU – האט אויך רעגולאציעס אויף קאנקורענץ. די רעגולאציעס זענען שייך אין שוועדן.

## וואס איז עפנטליכע איינהאנדלונג?

*קאנקורענסווערקעט* [די שוועדישע קאנקורענץ אויטאריטעט] איז פאראנטווארטליך צו פארזיכערן אז שוועדישע אויטאריטעטן פאלגן אויס די אקט פון עפנטליכע איינהאנדלונג. יעדעס מאל וואס אן אויטאריטעט קויפט ארטיקלען אדער סערוויסעס, מוזן זיי עס טון דורך עפנטליכע איינהאנדלונג. דאס מיינט אז די באטרעפענדע אויטאריטעט מוז זאגן פון פאראויס וואס זיי פלאנען צו איינקויפן. עטליכע פירמעס ווערן דאן געגעבן א געלעגענהייט צו שילדערן זייערע ארטיקלען אדער סערוויסעס און די אויטאריטעט באשליסט פון וועלכע פירמעס עס וועט איינקויפן די באטרעפענדע ארטיקלען אדער סערוויסעס.

## וואס איז שוועדישע קאנקורענץ אויטאריטעט?

די שוועדישע קאנקורענץ אויטאריטעט איז א שטאטישע קערפערשאפט. מיר זענען פאראנטווארטליך צו פארזיכערן אז פירמעס ארבעטן אין איינקלאנג מיט די רעגולאציעס אויף קאנקורענץ און אז אויטאריטעטן ארבעטן אין איינקלאנג מיט די אקט פון עפנטליכע איינהאנדלונג. מיר זענען אויך אויטאריזירט פארצולייגן פראפאזעלס פאר נייע געזעצן כדי ווייטער צו פארבעסערן קאנקורענץ. מיר שטעלן צו הילף פאר פארשונגען און איינהאנדלונג.

די שוועדישע קאנקורענץ אויטאריטעט איז אונטער די פירערשאפט פון א דירעקטאר גענעראל.

## ווי אזוי זיך צו פארבינדן מיט אונז


פאר מער אינפארמאציע, ביטע שיקט אן אי-מעיל צו konkurrensverket@kkv.se

איר קענט זיך אויף פארבינדן מיט אונז דורכ'ן פאקס אויף 08 24 55 43

אדער אויפ'ן טעלעפאן אויף 08-700 16 00